בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פּוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַּאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קס"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת חקת בלק (בא"י בלק)
שנת תשפ"ו


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פּוּנֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א

### - לְדוֹרוֹן לִתְפִלָּה וּלְמִלְחָמָה -

#### מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים

מֶען זֶעט אִין גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אוּן אִין סֵפֶר שְׁמוֹת בִּיז פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, ווִי דִי תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר מַאֲרִיךְ אוּן דֶערְצֵיילְט יֶעדֶע אֵיינְצְלְהֵייט פּוּנֶעם לֶעבְּן פוּן אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב. דִי סֶדְרוֹת זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר בְּרֵייט אוּן לַאנְג מִיט יֶעדְן פְּרַט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן; ווִי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגַאנְגֶען, גֶעשְׁלָאפְן, אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעגֶעסְן. ווִידֶער פוּן פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים אוּן ווַייטֶער, שְׁרַייבְּט דִי תּוֹרָה אַלֶעס זֵייעֶר קוּרְץ; גֶעווִיסֶע הֲלָכוֹת לֶערְנְט מֶען אֲפִילוּ אַרוֹיס בְּלוֹיז פוּן אֵיין אִיבֶּרִיגֶע אוֹת, פוּן אַ ה' אָדֶער אַ ו'. פַּארְווָאס אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי? דֶער תֵּירוּץ אִיז, ווַייל "**מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים**" (עַיֵּין תַּנְחוּמָא לֶךְ לְךָ, סִימָן ט). דִי תּוֹרָה ווִיל מִיר זָאלְן חַזֶר'ן מִיט זִיךְ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אִין יֶעדְן פְּרַט פוּנֶעם לֶעבְּן, כְּדֵי מִיר זָאלְן זֶען ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְף אוּנְז ווַייזְן ווִי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן, אוּן ווִי אַזוֹי מִיר דַארְפְן אוֹיךְ אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

#### יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט צוּ דְרֵיי זַאכְן

מִיר זֶעעֶן אִין פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח (בְּרֵאשִׁית לב) אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן ווֶעג צוּרִיק פוּן חָרָן גֵייעֶנְדִיג קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט מַלְאָכִים צוּ פְּרוּבִּירְן בַּארוּאִיגְן עֵשָׂו אוֹיף דֶעם ווָאס עֶר הָאט צוּגֶענוּמֶען דִי בְּרָכוֹת פוּן זֵייעֶר טַאטְן יִצְחָק. דִי מַלְאָכִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען מֶעלְדְן (שָׁם, פָּסוּק ז): "**בָּאנוּ אֶל אָחִיךָ אֶל עֵשָׂו וְגַם הֹלֵךְ לִקְרָאתְךָ וְאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ עִמּוֹ**"; עֵשָׂו מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ עֶר אִיז דַיין בְּרוּדֶער, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר דִיךְ פַּיינְט אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ אַ מִלְחָמָה קֶעגְן דִיר, קוּמֶענְדִיג דִיר אַנְטְקֶעגְן מִיט פִיר הוּנְדֶערְט בַּאוָואפְנְטֶע זֶעלְנֶער.

זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם, פָּסוּק ט, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה): "**הִתְקִין עַצְמוֹ לִשְׁלוֹשָׁה דְבָרִים**", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט צוּ דְרֵיי זַאכְן, "**לְדוֹרוֹן, לִתְפִלָּה, וּלְמִלְחָמָה**", צוּ שִׁיקְן מַתָּנוֹת פַאר עֵשָׂו, צוּ מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ צוּ אַ מִלְחָמָה.

ווִי מִיר גֶעפִינֶען אַז יַעֲקֹב הָאט גֶעשִׁיקְט 'מַתָּנוֹת' פַאר עֵשָׂו: צִיגְן, שֶׁעפְּסְן, קֶעמְלֶען, קִיעֶן אוּן אֵייזְלֶען. אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט 'מִתְפַּלֵל' גֶעווֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שָׁם, פָּסוּק יב): "**הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו**", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן דִי הַאנְט פוּן מַיין בְּרוּדֶער ווָאס פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט רִשְׁעוּת ווִי עֵשָׂו, "**כִּי יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ**", ווַייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא פוּן אִים, "**פֶּן יָבוֹא וְהִכַּנִי אֵם עַל בָּנִים**", טָאמֶער עֶר ווֶעט הַרְגֶ'עֶנֶען דִי מַאמֶעס מִיט דִי קִינְדֶער. אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ אַ 'מִלְחָמָה', ווִי מִיר גֶעפִינֶען אַז עֶר הָאט אֵיינְגֶעטֵיילְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין צְווֵיי טֵיילְן אוּן גֶעזָאגְט (שָׁם, פָּסוּק ט): "**אִם יָבוֹא עֵשָׂו אֶל הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה**", אוֹיבּ עֵשָׂו ווֶעט קוּמֶען צוּ אֵיין גְרוּפֶּע אוּן זֵיי דֶערְשְׁלָאגְן, ווֶעט כָאטְשׁ דִי צְווֵייטֶע גְרוּפֶּע גֶערַאטֶעוֶועט ווֶערְן.

#### אַן אַרְמֵיי פוּן קִינְדֶער קֶעגְן דֶעם מְחַנֵּךְ

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע לִימוּד פַאר מְחַנְּכִים ווִי אַזוֹי צוּ קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער. ווֶען אַ מְחַנֵּךְ קוּמְט אַרַיין אִין כִּתָּה, קוּמֶען אִים אַנְטְקֶעגְן אַ גַאנְצֶע אַרְמֵיי פוּן צְוָואנְצִיג דְרֵייסִיג קִינְדֶער; ווֶער רֶעדְט נָאךְ פוּן אַ מְנַהֵל אָדֶער אַ מְנַהֶלֶת ווָאס דַארְפְן זִיךְ צוּמָאל קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַן אַרְמֵיי פוּן פִיר הוּנְדֶערְט קִינְדֶער. עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי דִי קִינְדֶער ווִילְן זִיךְ קְרִיגְן מִיטְן מְחַנֵּךְ אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט פָאלְגְן, אוּן מְחַנְּכִים זוּכְן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי צוּ כַאפְּן דִי הֶערְצֶער פוּן דִי קִינְדֶער.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען קוּקְן ווָאס יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן ווֶען עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט זַיינֶע קֶעגְנֶער, אוּן דָאס נִיצְן אַלְס 'מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים' עֶס נָאכְצוּמַאכְן בַּיי דִי קִינְדֶער.

#### דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה: דוֹרוֹן

דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה אִיז 'דוֹרוֹן'. גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער ווִילְן דָאךְ נִישְׁט אֵיינְזִיצְן בַּיים טִישׁ אוּן לֶערְנֶען, זֵיי ווִילְן אַרוּמְשְׁפְּרִינְגֶען; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵיי אָנְרֵייצְן אַז אוֹיבּ זֵיי ווֶעלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן שֵׁיין, לֶערְנֶען אוּן דַאווֶענֶען, ווֶעט מֶען זֵיי נֶעמֶען אוֹיף אַן אוֹיסְפְלוּג. מֶען זָאל אַרָאפְּלֵייגְן דֶעם אוֹיסְפְלוּג מִיט אַלֶע פַארְבְּן - ווִי אַזוֹי מֶען ווֶעט זִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן אוֹיף רִיזִיגֶע גְלִיטְשֶׁערְס וְכַדוֹמֶה - מִיט דֶעם ווֶעט מֶען אַוֶועקְטְרַאגְן דִי קִינְדֶער'ס מַחְשָׁבוֹת צוּם אוֹיסְפְלוּג, אוּן זֵיי ווֶעלְן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ טוּן ווָאס מֶען פַארְלַאנְגְט פוּן זֵיי.

מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען, אַז אַן אוֹיסְפְלוּג אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן אַלְס אַ מִיטֶל צוּ סְטְרַאשֶׁען דִי קִינְדֶער

אַז מֶען וֶועט זֵיי בַּאשְׁטְרָאפְן אוּן זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מִיט קוּמֶען, נָאר עֶס אִיז גֶעמַאכְט אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ חֵשֶׁק אוּן אַ ווִילְן זִיךְ גוּט אוֹיפְצוּפִירְן, כְּדֵי יֶעדֶער זָאל טַאקֶע קֶענֶען מִיט קוּמֶען.

מְחַנְּכִים דַארְפְן בַּאלוֹינֶען דִי קִינְדֶער מִיט מַתָּנוֹת אוּן גֶעבְּן 'פְּרִיוַואט' פַאר יֶעדְן קִינְד גוּטֶע וֶוערְטֶער. אוֹיבּ מֶען טְרֶעפְט אַמָאל אַ קִינְד אִין אַ זַייט בַּיי הַפְסָקָה, זָאל מֶען צוּגֵיין צוּם קִינְד אוּן גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, ווִי לְמָשָׁל: **"דוּ בִּיסְט אַ ווָאוּיל קִינְד"**, **"דוּ הָאסְט אַ גוּט הַארְץ"**, **"דוּ בִּיסְט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער"**, אָדֶער **"דוּ בִּיסְט אַן אֵיידְל קִינְד"**. עֶס מוּז אָבֶּער זַיין אַן אֱמֶת'דִיגֶע זַאךְ וָואס דָאס קִינְד הָאט בֶּאֱמֶת, נִישְׁט קַיין פַאלְשֶׁע זַאכְן.

## דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה: תְּפִלָּה

דִי צְוֵוייטֶע עֵצָה אִיז תְּפִלָּה. בֶּאֱמֶת דַארְף דָאס זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בַּיי אַ מְחַנֵּךְ; מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל לִיבּ הָאבְּן אַלֶע קִינְדֶער, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה, אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז גֶעווִיסֶע קִינְדֶער קוּמֶען סְפֶּעצִיעֶל זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיטְן מְחַנֵּךְ.

## דִי דְרִיטֶע עֵצָה: מִלְחָמָה

דִי דְרִיטֶע עֵצָה אִיז 'מִלְחָמָה'. וָואס מֵיינְט מִלְחָמָה? גֶעווֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען הֶערְט דָאס וָוארְט 'מִלְחָמָה', קוּמְט גְלַייךְ אַרוֹיף אִין מַחְשָׁבָה אַז מֶען מֵיינְט דָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין אַן עֶרְנְסְטֶע קְרִיגֶערֵיי. אוֹיבּ מְחַנְּכִים וֶועלְן עֶס חַס וְשָׁלוֹם ווִילְן נָאכְמַאכְן, וֶועט עֶס מֵיינֶען אַז מֶען זָאל צוּגֵיין צוּ דִי קִינְדֶער אוֹיף אַ וֶועג פוּן: 'דוּ ווִילְסְט זִיךְ אָנְהֵייבְּן מִיט מִיר? אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין שְׁטֶערְקֶער פוּן דִיר! אִיךְ וֶועל דִיר אַרוֹיסְטְרָאגְן פוּן כִּתָּה אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען נָאר אוֹיבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועלְן אַרִיבֶּער קוּמֶען'.

אָבֶּער רַשִׁ"י זָאגְט אַנְדֶערְשׁ. רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, פָּסוּק ט, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה):

**"לְמִלְחָמָה - וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה"**, דָאס מֵיינְט: יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס מִלְחָמָה אִיז בְּעִיקָּר צוּגֶעגַאנְגֶען מִיטְן אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַ סְטְרַאטֶעגִיעֶ ווִי אַזוֹי אָפְּצוּרַאטֶעוֶועוען דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁייךְ. עֶר הָאט אַיינְגֶעטֵיילְט זַיין מִשְׁפָּחָה אִין צְוֵויי טֵיילְן אוּן גֶעזָאגְט: אוֹיבּ עֵשָׂו וֶועט חָלִילָה אוֹיסְ'הַרְגְ'עֶנֶען אֵיין טֵייל, זָאל כָאטְשׁ דֶער אַנְדֶערֶער טֵייל גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן.

דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען טוּן מִיט קִינְדֶער. אוֹיבּ מֶען הָאט אַ קִינְד וָואס ווִיפִיל מֶען הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אִים צוּ מַאכְן לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶוענֶען גֵייט עֶס נִישְׁט, עֶר הַאלְט נִישְׁט בַּיים מִיט אַרְבֶּעטְן מִיט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה - טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן: 'אוֹיבּ דָאס קִינְד הַאלְט סֵיי ווִי נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען אָדֶער דַאוֶוענֶען, זָאל מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְקוּקְן פוּנֶעם קִינְד'. נָאר מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'וָואס קֶען אִיךְ יָא אַרוֹיס רַאטֶעוֶוען? וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט גֶעבְּן פַארְן קִינְד וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען מִיט נֶעמֶען אוּן גֶעדֶענְקֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן? אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִים גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט אוֹיף עֶפֶּעס אַ גוּטֶע מִדָּה אָדֶער מַעֲלָה וָואס עֶר הָאט? אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן וָואס צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּן זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן דָאס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוּן גֶעבְּן כֹּחוֹת צוּ זַיין עֶרְלִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן'.

דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע מִלְחָמָה וָואס מֶען דַארְף מַאכְן; נִישְׁט אַז מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אַ מִלְחָמָה אוּן אִין אַ קְרִיגֶערֵיי מִיטְן קִינְד, נָאר מֶען זָאל פְּרוּבִּירְן צוּ רַאטֶעוֶוען וָואס מֶען קֶען יָא אוֹיפְטוּן בַּיי אִים, אֲפִילוּ מֶען קֶען נָאכְנִישְׁט פוֹעֵלְ'ן בַּיים קִינְד קַיין שְׁלֵימוּת.

## קִינְדֶער קוּמֶען נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן מִיטְן מְחַנֵּךְ

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע "בֵּית פֵיגָא". אַ לֶערֶערִין הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען שְׁוֶועעֶרֶע הֲלָכוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, אִינְמִיטְן הָאט אֵיין קִינְד אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן אוּן מַאכְן אַ גְרוּדֶער. דִי לֶערֶערִין הָאט גֶעגֶעבְּן אַ פְּלִיק מִיט דִי פִינְגֶער צוּ וַוייזְן פַארְן קִינְד זִי זָאל אוֹיפְהֶערְן קְלַאפְּן; דָאס קִינְד הָאט טַאקֶע אוֹיפְגֶעהֶערְט, אָבֶּער קוּרְץ דֶערוֹיף הָאט זִי וַוייטֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן.

דִי לֶערֶערִין הָאט גְלַייךְ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס ווִיל דָא דָאס קִינְד? אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין גֶעווִיזְן אַז זִי זָאל אוֹיפְהֶערְן אוּן זִי טוּט עֶס וַוייטֶער, זִי ווִיל מִיר פָּשׁוּט שְׁטֶערְן!' אָבֶּער זִי הָאט זִיךְ גְלַייךְ דֶערְמַאנְט אִין דִי חִיזּוּק וָואס מֶען הֶערְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיבֶּער חִינוּךְ, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן: 'וָואס קֶען דָאס מֵיינֶען? זִי מֵיינְט דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס, זִי ווִיל זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט קְרִיגְן מִיט מִיר'. זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּקְן שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְן קִינְד אוּן בַּאמֶערְקְט אַז זִי קְלַאפְּט מִיט אַ גְלֶעזֶער (בְּרִילְן) הַאלְטֶער, דַאן הָאט זִי זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז אֶפְשָׁר הָאט דָאס קִינְד נֵייעֶ גְלֶעזֶער אוּן קֵיינֶער הָאט אִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶערִימְט דֶערוֹיף, אוּן דֶערְפַאר קְלַאפְּט זִי דֶערְמִיט אוֹיפְן טִישׁ כְּדֵי מֶען זָאל עֶס בַּאמֶערְקְן.

הָאט דִי לֶערֶערִין זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם קִינְד: **"דוּ הָאסְט נֵייעֶ גְלֶעזֶער?"** דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פַאר שִׂמְחָה אוּן גֶעעֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ: **"יָא, יָא!"** עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי זִי שְׁטֵייט שׁוֹין אַפָּאר שָׁעָה אוּן וַוארְט אַז אֵיינֶער זָאל בַּאמֶערְקְן אִירֶע נֵייעֶ גְלֶעזֶער, אוּן זִי אִיז נָאר גֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע צוּלִיבּ דֶעם. הָאט דִי לֶערֶערִין אִיר גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס חָכְמָה: **"וַואוּו, דוּ זֶעסְט אוֹיס אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי גוּט"**, אוּן זִי אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי הֲלָכוֹת וָואס זִי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען; אוּן דֶער גְלֶעזֶער הַאלְטֶער אִיז פְּלוּצְלִינְג פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן פוּן אִירֶע הֶענְט...

מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז טַאקֶע אַ מְצִיאוּת אַז קִינְדֶער זוּכְן נִישְׁט צוּ מַאכְן קַיין מִלְחָמוֹת אָדֶער סְתַּם צוּ שְׁטֶערְן דִי כִּתָּה, נָאר אוּנְטֶער יֶעדֶע זַאךְ לִיגְט עֶפֶּעס אַ מַעֲשֶׂה; אָדֶער וַוארְט דָאס קִינְד מֶען זָאל אִים אָנְקוּקְן, אָדֶער שְׁטֶערְט אִים עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אוּן מֶען דַארְף גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי זַאךְ צוּ קֶענֶען כַאפְּן מִיט חָכְמָה וָואס עֶס גֵייט בֶּאֱמֶת פָאר.

## וָואס וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם?

מַיין מַאמֶע זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז זִי הָאט אַמָאל גֶעזֶען הֶענְגֶען אִין אַ שׁוּלֶע אַ צֶעטְל מִיט זֵייעֶר אַ גוּט וָוארְט, אוּן זִי הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל עֶס נָאכְזָאגְן בַּיי מַיינֶע שִׁיעוּרִים פַאר מְחַנְּכִים. עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי: **"אִין הוּנְדֶערְט יָאר אַרוּם וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען ווִי אַזוֹי דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן, וָואס פַאר אַ קַאר דוּ הָאסְט גֶעהַאט, אָדֶער וָואס פַאר אַ הוֹיז דוּ הָאסְט גֶעהַאט; אָבֶּער אֵיין זַאךְ וֶועט מֶען גֶעדֶענְקֶען אוֹיף אֵייבִּיג: וָואס דוּ הָאסְט צוּגֶעגֶעבְּן פַאר אַ קִינְדְ'ס לֶעבְּן!"**

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער אוֹיף אֵייבִּיג, אִיז אוֹיבּ אַ מְחַנֵּךְ הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט הַארְץ אוּן גֶעפִיל פַאר דִי

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

קִינְדֶער. וֶוען דֶער מְחַנֵךְ הָאט גֶעזֶען אַ קִינְד וֵויינֶען, הָאט עֶר אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן פַארְשְׁטַאנֶען זַיין וֵוייטָאג. דֶער מְחַנֵךְ הָאט גֶעדֶענְקְט אַז אַ קִינְד אִיז בְּלוֹיז אַ קִינְד אוּן מֵיינְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס. דֶער מְחַנֵךְ הָאט גֶעדֶענְקְט אַז מֶען דַארְף גוּט טְרַאכְטְן פַאר מֶען עֶנְטְפֶערְט אַ קִינְד - וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ עֶנְטְפֶערְן. דֶער מְחַנֵךְ הָאט נִישְׁט גְלַייךְ גֶענוּמֶען קַיין שְׁרִיט צוּ בַּאשְׁטְרָאפְן אַ קִינְד, נָאר קוֹדֶם עֶס גוּט אִיבֶּערְגֶעטְרַאכְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ נִיצְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער אוּן דִי רִיכְטִיגֶע שְׁרִיט, וָואס וֶועט נָאר אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם נֶפֶשׁ פוּנֶעם קִינְד אוּן אִים נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם.

### וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אַ מוֹסָד?

טַייעֶרֶע מְחַנְכִים, דֶער צִיל פוּן אַ מוֹסָד אִיז: צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֵיידְלְקֵייט, יִרְאַת שָׁמַיִם, קְדוּשָׁה אוּן מִדוֹת טוֹבוֹת.

עֶס אִיז וִויכְטִיג אַז מְחַנְכִים זָאלְן כְּסֵדֶר דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער אוּן 'שֵׁם שָׁמַיִם' זָאל וֶוערְן 'שָׁגוּר בְּפִיהֶם'; דִי קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. לְמָשָׁל, וֶוען אַ מְחַנֵךְ וִויל אוֹיסְרִימֶען דִי קִינְדֶער וִוי גוּט זֵיי קֶענֶען, זָאל עֶר נִישְׁט זָאגְן בְּלוֹיז: **"עֶטְץ קֶענְטְס זֵייעֶר גוּט"**, נָאר עֶר זָאל פַארְדֶעם צוּלֵייגְן: **""בָּרוּךְ הַשֵׁם' אַז עֶטְץ קֶענְטְס זֵייעֶר גוּט"**. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען זֶען דוּרְכְאוֹיס דֶעם טָאג כְּסֵדֶר צוּ דֶערְמַאנֶען וֶוערְטֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי לְמָשָׁל: **"מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן"**, אוּן דָאס גְלַייכְן.

### דֶער צִיל פוּן נִישְׁט וִויכְטִיגֶע לִימוּדִים

מְחַנְכוֹת פְרֶעגְן: אִין שוּלֶע לֶערְנְט מֶען דָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע לִימוּדִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט בֶּאֱמֶת וִויכְטִיג פַארְן לֶעבְּן, פַארְוָואס פֶעלְט עֶס אוֹיס צוּ לֶערְנֶען?

דֶער עֶנְטְפֶער דֶערוֹיף אִיז: עֶס אִיז טַאקֶע רִיכְטִיג אַז נִישְׁט אַלֶע לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט אִין שוּלֶע זֶענֶען וִויכְטִיג פַארְן לֶעבְּן, אָבֶּער כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אֵיידְלְקֵייט, יִרְאַת שָׁמַיִם, קְדוּשָׁה אוּן מִדוֹת טוֹבוֹת, מוּז מֶען הָאבְּן אַן אָנְגֶעפִילְטֶע טָאג מִיט פַארְשִׁידֶענֶע לִימוּדִים. דִי אַלֶע לִימוּדִים וָואס זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִויכְטִיג, זֶענֶען מִיטְלֶען וִוי אַזוֹי אָנְצוּפִילְן דֶעם טָאג, כְּדֵי מֶען זָאל דוּרְךְ דֶעם קֶענֶען אַרַיינְפְלֶעכְטְן דִי וִויכְטִיגֶע זַאכְן, וִוי וֶוערְטֶער פוּן אֱמוּנָה, אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

לָאמִיר נֶעמֶען אַלְס בֵּיישְׁפִּיל דֶעם לִימוּד פוּן רֶעכֶענֶען. רֶעכֶענֶען אִיז אַ וִויכְטִיגֶע לִימוּד אוּן עֶס אִיז אַ גוּטֶע זַאךְ אוֹיבּ מֶען קֶען רֶעכֶענֶען, אָבֶּער מֶען קֶען אוֹיךְ זַיין אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט רֶעכֶענֶען. פוּן דֶעסְט וֶועגְן דַארְף מֶען עֶס לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, כְּדֵי מֶען זָאל דֶערְבֵּיי קֶענֶען אַרַיינְפְלֶעכְטְן וִויכְטִיגֶע זַאכְן: דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אוּן וָואס נִישְׁט.

אוֹיבּ אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אָן אִינְמִיטְן רֶעכֶענֶען: **"אִיךְ בִּין נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט צוּ לֶערְנֶען רֶעכֶענֶען, פַארְוָואס דַארְף מֶען עֶס קֶענֶען?"** דַארְף מֶען קוֹדֶם גֶעדֶענְקֶען אַז וֶוען אַ קִינְד רוּפְט זִיךְ אַזוֹי אָן אִינְמִיטְן כִּתָּה, אִיז דָאס אַ בַּאוַוייז אַז דָאס קִינְד דַארְף פָּשׁוּט אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, אוּן דָאס דִינְט אַלְס אַ דֶערְמַאנוּנְג פַארְן מְחַנֶכֶת אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער.

אָבֶּער נָאכְדֶעם קוּמְט אַ רַייעֶ מִיט וִויכְטִיגֶע לִימוּדִים וָואס מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד; מֶען דַארְף אִיר לֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין שְׁרֵייעֶן אִינְמִיטְן כִּתָּה, וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיךְ דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן, אַז מֶען טוּט נִישְׁט אִין לֶעבְּן נָאר וָואס מֶען אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט. זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: וֶועלְכֶע מַאמֶע הָאט דֶען גָאר שְׁטַארְק 'לִיבּ' צוּ טוּן אִירֶע הֵיים אַרְבֶּעט, וִוי קָאכְן נַאכְטְמָאל, וַואשְׁן וֶועשׁ אוּן מְסַדֵר זַיין דִי בֶּעטְן יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער? אָבֶּער דָאךְ טוּט מֶען עֶס, וַוייל מֶען דַארְף טוּן אִין לֶעבְּן דָאס וָואס אִיז וִויכְטִיג. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אִין אַ מוֹסָד: אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין הֵייסְט זִיצְן אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן אוֹיסְהֶערְן אַ גֶעוִויסֶע לִימוּד, אִיז דָאס יֶעצְט דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן, אוּן מֶען דַארְף עֶס טוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק אָדֶער גֶעדוּלְד דֶערְצוּ.

עֶס קוּמְט אוֹיס, אַז פוּן דִי נִישְׁט וִויכְטִיגֶע לִימוּדִים קוּמֶען צוּמָאל אַרוֹיס סְפֶּעצִיעֶלֶע אוּן גָאר וִויכְטִיגֶע יְסוֹדוֹת וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן מִיט נֶעמֶען פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### פַארְוָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער זַיין גוּט, אַז אִיךְ בִּין אַ גָארְנִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק אַז אִיךְ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִילַת הַשְׁלָ"ה אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ.

עֶס פִילְט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל מָאדְנֶע, אִיךְ אַלֵיין בִּין נִישְׁט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ עֶרְוַוארְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶרְשְׁטְנְס - קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט; דָאס אַז דוּ ווִילְסְט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, דוּ זָאגְסְט דִי

תְּפִילַּת הַשְּׁלָ"ה און דו בִּיסְט מִתְפַּלֵּל אויף אִידִישׁ פַאר גוּטֶע קִינְדֶער – דָאס ווייזט אַז דו בִּיסְט יָא גוּט און דו ווילְסְט זַיין גוּט, מַאךְ זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק.

מוֹהֲרַא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט בְּרִיוו, אִין יֶעדֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט עֵצוֹת און סְגוּלוֹת פַאר גוּטֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער – קוּמְט מוֹהֲרַא"שׁ אַלְץ צוּרִיק אַז דִי שְׁלִיסְל אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

מוֹהֲרַא"שׁ דֶערְצֵיילְט, וֶוען דִי הֵיילִיגֶע צְוֵוייא בְּרִידֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק און דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען גָּלוּת לַיידְן, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרָאפְן אִין אֵיינֶע פוּן דִי דֶערְפֶער אַ קִינְד, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אוֹיף דֶעם קִינְד אַז עֶר הָאט אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שְׁטַארְקֶע לִיכְטִיגְקֵייט רוּט אוֹיף אִים, זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם קִינְד וָואוּ עֶר וואוינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זֶען דֶעם טַאטְן, אִים נָאכְקוּקְן ווי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרָאפּ צוּ בְּרֶענְגֶען אַזַא הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם אִיד, אַ פָּשׁוּט'ֶער אִיד וָואס דַאוֶונְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, און לֶערְנְט שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט ווי קוּמְט צוּ אַזַא פָּשׁוּט'ֶער אִיד אַזַא הֵיילִיג קִינְד.

זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט און גֶעפְרֶעגְט, בִּיז דִי ווַייבּ הָאט גֶעזֶען ווי זֵיי עִקְשְׁנ'ֶען זִיךְ, הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי זְמִירוֹת, בַּיי בָּרוּךְ הַשֵּׁם יוֹם יוֹם וֶוען אִיר מַאן קוּמְט אָן צוּ דִי וֶוערְטֶער: "וְזַכֵּנוּ לִרְאוֹת בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת" – ווֵיינְט עֶר, עֶס רִינְט אִים טְרֶערְן פוּן דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, בִּיז עֶר פַאלְט פוּן דִי כֹּחוֹת, אַזוֹי חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער יֶעדְן שַׁבָּת; הָאבְּן דִי צְוֵוייא הֵיילִיגֶע בְּרִידֶער גֶעזָאגְט, יֶעצְט פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי ווי קוּמְט אַזַא הֵיילִיג קִינְד צוּ אַזֶעלְכֶע פָּשׁוּט'עֶ עֶלְטֶערְן, דוּרְךְ תְּפִלָּה; דֶער קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער צַדִּיק רֶבִּי דָוִד לֶעלוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

### ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט ווי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז – זָאלְסְט יֶעדְן טָאג אַוֶועק גֶעבְּן אַפָּאר מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם.

מַאךְ זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג פִינְף מִינוּט נָאר אוֹיף עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר, וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת, שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער – זֶעקְס זִין און פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר, כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵרָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", עֶר פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אַרָאפְוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד ווֵיינֶען און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; "אָמְרוּ לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שְׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית, עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אוֹתוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם. לֹא נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ, עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרוֹיף צוּ גֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, און אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, און דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים].

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת ויצא, שנת תשפ"ה)


חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג
אויף קול בְּרֶסְלֶב
צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -





קול בר־סלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעקט; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876